פרשת מטות־מסעי ||| שנת תשפ״ג לפ״ק ||| גליון י״א ||| שנה א׳

# הבינוני

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט״א

פטרון סדר במדבר
הרוצה בעילום שמו
לזכותו ולזכות משפחתו
לברכה והצלחה ברוחניות ובגשמיות

## בך בטחתי

### ותן חלקינו בתורתך:
אונזערע שוועריגקייטן זענען מגלה אונזער ספעציעלע ׳חלק התורה׳

יום ראשון פרשת קרח כ׳ סיון תשע״ט

א

## טוב לי כי עונותי; די יסורים ברענגען אונז צום תכלית פון ׳שלימות׳

### דער מענטש זוכט קלאָרקייט אין דער גמרא

די גמרא זאָגט אין מסכת ברכות (דף ה, א): **״אם רואה אדם שיסורין באין עליו, יפשפש במעשיו״** - ווען אַ מענטש זעהט אַז יסורים קומען אויף אים, זאָל ער זיך מאַכן אַ חשבון הנפש און זיך מפשפש זיין די מעשים.

איז דאָ אַסאַך וואָס פרעגן אַ שאלה; מיר ווייסן דאך אַז די תורה איז ׳משמח הלב׳ און ׳מאירת עינים׳, עס באַלייכט אונז די אויגן און קלאָרט אויס אַלע ספיקות אין יעדע סאָרט סיטואַציע. אַצינד, ווען אַ מענטש האָט יסורים און ער וויל וויסן וואָס ער האָט צו טון, זאָגט אים די גמרא אַז ״יפשפש במעשיו״. **אָבער דער מענטש ווייסט נישט פון וואו אפילו אָנצוהויבן.**

ביי זייער אַסאַך מענטשן איז אַזאַ גמרא פאַרקערט ווי ׳משמחי לב׳, ווייל ס׳איז דאך פאַרהאַן 613 מצוות, און יעדע מצוה פאַרמאָגט אָן קיין שיעור דרגות, **פון וואו הייבט מען אָן?!** די גמרא שיקט אים אַרויס אויף אַ פעלד פון ׳יפשפש במעשיו׳, אָבער ער ווייסט נישט וואו צו גיין ווייטער פון דאָ: **זאָל ער אויפשטיין פריער?! דאַווענען מער בכוונה?! בין אדם לחבירו?!** דער מענטש האָט נישט קיין שום קלאָרקייט וואָס ער דאַרף יעצט טון אויף למעשה.

### יתלה בביטול תורה; וואָס איז דער פשט דערפון

נאָכמער איז שווער וואָס די גמרא זאָגט ווייטער: ״פשפש ולא מצא יתלה בביטול תורה״ - אויב האָט ער געזוכט און נישט געפינען זאָל ער דאָס תולה זיין אין ביטול תורה. פרעגט זיך די שאלה: ״ווער קען דען זאָגן אַז ער איז הונדערט פראָצענט אויסגעהאַלטן אין ביטול תורה?! יעדער איינער דאַרף דאָך שטענדיג מוסיף זיין מיט לימוד התורה!״.

ווען מען לערנט די גמרא אויבערפלעכליך איז דאָס אַסאַך מאָל גורם אַז מען ווערט נאָך מער צעמישט פון די אַלע ספיקות, מען ווייסט נישט וואו צו זוכן און וואָס צו טון, וואָס דאָס איז זיכער נישט די וועג פון די הייליגע תורה וואָס איז אַלעמאָל ׳משמח הלב׳ און ׳מאיר עינים׳.

### פאַרוואָס ווערט נישט דערמאַנט די חשבון פון ׳גלגולים׳

נאָך אַ שאלה וואָס מען הערט פרעגן:

ווען אַ קינד ווערט געבוירן מיט אַ פעלער ל״ע; איינס פון די אברים איז חלילה נישט אַזוי געזונט, דאָס קינד ליידט דאך יסורים, קען מען דען זאָגן אַז דאָס איז צוליב זיינע עבירות און ער דאַרף מפשפש זיין במעשיו?!

געוועגליך אין אַזאַ פאַל זאָגט מען אַז דאָס איז העכערע חשבונות פון פריערדיגע גלגולים, איז אָבער די שאלה, פאַרוואָס שטייט דאָס נישט אין דער גמרא?! **פאַרוואָס זאָגן נישט חז״ל: ״הרואה יסורים באים עליו יפשפש במעשיו, פשפש ולא מצא יתלה בגלגולים ראשונים״?!**

### נאר איך בין דער זינדיגער?!

ס׳איז פאַרהאַן נאָך אַ ווייטאָגליכע שאלה פון מענטשן: עס מאַכט זיך אָפט אין אַ בית המדרש וואו עס דאַווענען אַ קהלה פון 200 אידן. יעדע שטיקל צייט איז דאָ אַ ׳מזל טוב׳ ביי אן אַנדערן מתפלל; אַ יונגל; אַ מיידל; אַ צווילינג; א.א.וו. בלויז איינער פון די מתפללים האָט צום באַדויערן נאָכנישט באַקומען קיין מזל טוב, ער ווארט נאָך אויף אַ ישועה.

- אַצינד, קען מען דען זאָגן אַז יעדער איינער איז אַזוי וואויל און פיין און בלויז ער איז דער ׳חוטא׳ וואָס דאַרף מפשפש זיין במעשיו?! מען זעט דאָך אַסאַך מאָל אַז אפילו אַזעלכע וואָס רעדן ביים דאַווענען וכדו׳, קלאַפּט ב״ה אַלעס ביי זיי מיט פרנסה און קינדער, און דוקא דער ערליכער אינגערמאַן וואָס איז מדקדק בקלה כבחמורה, פונקט ער דאַרף מקיים זיין דעם ׳יפשפש במעשיו׳?!

מען ענטפערט שטענדיג אויף אַזעלכע שאלות אַז אַמאָל קומען יסורים דוקא פאַר׳ן ערליכן איד, צדיק ורע לו, ווי דער פסוק זאָגט: ״כי את אשר יאהב ה׳ יוכיח״, ווייל אַזוי וועט ער באַקומען אַסאַך מער שכר לעולם הבא, א.א.וו. אָבער די שאלה איז: פאַרוואָס שטייט דאָס נישט אין דער גמרא פון ׳הרואה יסורים באים עליו׳?! חז״ל זאָגן טאַקע דעם יסוד אין עטליכע אַנדערע פלעצער, אָבער ווען עס קומט צו דער אויבנדערמאַנטער סוגיא פון ׳יסורים באים עליו׳ ווערט עס נישט דערמאַנט.

### טוב לי כי עוניתי למען אלמד חוקיך

צו מברר זיין די סוגיא דאַרף מען אַסאַך סייעתא דשמיא און ישוב הדעת. דעריבער איז עס מיר אַ ספעציעלע חביבות - כ׳זאָג עס ווייל ס׳קען זיין דערפון אַ חיזוק אין ׳תפלה׳ און אין ׳אמונת צדיקים׳ - אַז איך בין געוועזן די וואך ביים ציון פון הרה״ק בעל **בית אהרן מקאַרלין** זי״ע, אין דער שטאָט ׳מלינוב, אוקראַינע׳, און דאָרט אויפ׳ן פלאַץ האָט דער רבוש״ע אַריינגעשיינט אַ ליכטיגקייט וויאַזוי צו אָפלערנען דער סוגיא, לאָמיר דאָס אויסשמועסן מיט אַ תפלה צו השי״ת אַז מען זאָל האָבן די ריכטיגע דיבורים און בזכות פון די צדיקים זאל מען זיך נישט טועה זיין.

דוד המלך ע״ה זאָגט אין תהלים (קיט, עא): **״טוֹב לִי כִי עֻנֵּיתִי לְמַעַן אֶלְמַד חֻקֶּיךָ״** - עס איז מיר גוט, עס איז מיר זיס און געשמאַק, ווען איך מוטשע זיך מיט שוועריגקייטן! ווייסט פאַרוואָס?! ווייל ׳למען אלמד חוקיך׳, דורך די יסורים קען איך לערנען און משיג זיין די הייליגע תורה!

די פּשט דערפון איז אַז **יעדע נשמה קומט אַראָפּ אויף דער וועלט צו באַקומען אַ חלק פון דער תורה, וואָס דאָס איז מיוחד ספּעציעל פאַר דעם מענטש**, ווי מיר זאָגן 'ותן חלקינו בתורתך'. קיינער אַנדערש אויף דער וועלט קען נישט משיג זיין דעם מיוחד'יגן חלק התורה וואָס איז באַשטימט פאַר דיר! יעדע נשמה דאַרף דערהערן אַ געוויסע טייל פון דער תורה וואָס בלויז ער קען דאָס דערהערן!

### עד שתגיע למקומו - ולמקומו לא תגיע

דאָס איז פּשט אין דער משנה (אבות ב, ה): **"אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו"**, ווי די מפרשים זענען מסביר אַז קיין שום מענטש קען קיינמאָל נישט אָנקומען צו זיין חבר'ס פּלאַץ, ווייל **יעדער איד האָט אַ באַזונדערע שטיקל תורה וואָס זיין נשמה קען אָפּלערנען און ליכטיג מאַכן**. דאָס איז ספּעציעל אויסגעשטעלט לויט זיין נפש, לויט זיינע אומשטענדן, לויט זיין משפּחה, און קיינער קען דאָס נישט מגלה זיין - בלויז ער אליינס!

דאָס איז די סיבה פאַרוואָס מען לייגט צומאָל אַריין דעם מענטש אין אַ געוויסע אָנגעשטרענגטע מצב, וואו ער גייט דורך שוועריגקייטן, ווייל די יסורים וועלן אים צוברענגען אַז ער זאָל משיג זיין די ספּעציפישע חלק בתורה **וואָס זיין נשמה קען מגלה זיין.**

ווען מען גייט אַריבער אַ פּראָבלעם, טרעפט זיך דער נפש אין אַזאַ צושטאַנד וואָס צווינגט אים פּשוט אַז ער זאָל מוזן זיך מתבונן זיין און **דערהערן פרישע מושגים, נייע דערהערן אין 'אמונה ובטחון', אין 'קרבת אלקים', אָדער אין אַנדערע עיקרי תורה!** ער קען נישט בלייבן מיט זיין אַלטע פלאַכע הבנה, ווייל זיין נסיון שטופּט אים צו אָנקומען אויף ווייטערע פּלעצער און קונה זיין פרישע השגות פון 'זיין' חלק התורה, און בלויז דורך די שוועריגקייט קומט ער אָן צום תכלית וואו זיין נשמה דאַרף אָנקומען!

### די 'מתנה טובה' פון תורה מוז קומען דורך שוועריגקייטן

אַזוי זאָגט דער הייליגער **מהרש"א** אויף די גמרא אין מסכת ברכות (ה, א): **"שלוש מתנות טובות נתן הקדוש ברוך הוא לישראל, וכולן לא נתנן אלא על-ידי יסורין. אלו הן: תורה וארץ ישראל והעולם הבא"** - דריי מתנות האָט דער רבוש"ע געגעבן פאַר אידן און אַלע דריי זענען געגעבן געוואָרן דורך יסורים, תורה, ארץ ישראל און עולם הבא.

זיין נסיון שטופּט אים צו אָנקומען אויף ווייטערע פּלעצער און קונה זיין פרישע השגות פון 'זיין' חלק התורה, און בלויז דורך די שוועריגקייט קומט ער אָן צום תכלית וואו זיין נשמה דאַרף אָנקומען!

איז דער מהרש"א דאָרט מסביר אַז ס'איז נישט פאַרהאַן קיין מציאות צו קענען ריכטיג משיג זיין די דריי מתנות, בלויז דורך יסורים. דורכדעם וואָס אַ איד איז מקבל יסורים באהבה קען ער זוכה זיין צו באַקומען 'זיין' פּערזענליכע השגה אין תורה. **יסורים איז די וועג וויאַזוי ער זאָל משיג זיין די הבנה אין תורה וואָס איז שייך פאר זיין נשמה!**

### די מבהיל'דיגע השגה בתורה פונעם חזון איש - צוליב זיינע יסורים

לאָמיר בלויז נעמען אַ לימוד פון דעם גרויסן גאון, דער **חזון אי"ש** זצ"ל; אַלע ווייסן אַז ער האָט נישט געהאַט קיין גרינגע גשמיות'דיגע לעבן, ער האָט געליטן אַלע סאָרט יסורים און איז ל"ע נפטר געוואָרן קינדערלאָז, אָבער טאַקע די יסורים האָבן אים געברענגט זיינע מורא'דיגע השגות בתורה, וואָס גדולי ישראל האָבן ממש געהאַט חלישות הדעת וויאַזוי ס'איז שייך אַז אַ 'ילוד אשה' זאל האָבן אַזאַ קנין און מחדש זיין ממש אין אַלע חלקי ומקצועות התורה באופן פּלא!

אויפ'ן **בריסקער רב** זצ"ל דערציילט מען אַז נאָך די חתונה האָט ער באַקומען אַ שיינע פאַרמעגן אויף נדן. ער האָט אָבער אַלעס פאַרלוירן און איז ווייטער געזיצן און געלערנט מתוך הדחק. אַזוי איז ער אויסגעשטיגן אַ בריסקער רב! די יסורים האָבן אים געברענגט זיינע השגות בתורה.

### די יסורים ברענגען אַרויס די אינערליכע שלימות פון דעם מענטש

דאָס איז אָבער נישט גילטיג בלויז ביי מפורסם'דיגע גרויסע לייט. דאָס איז נוגע פאר יעדן איד אויף דער וועלט! קיינער קען נישט משלים זיין די שטיקל תורה וואָס דיין נשמה דאַרף מגלה זיין! און **די וועג וויאַזוי דאָס פּאַסירט איז צומאָל דורכדעם וואָס מען גייט אַריבער אַ שוועריגקייט, וואָס צווינגט דעם מענטש צו דערהערן פרישע השגות אין תורה**, טאַקע אַדאַנק די מצבים וואָס דער רבוש"ע האָט אים אָנגעגרייט, מיט אַ פּונקטליכע חשבון ספּעציעל פאר זיין נפש!

נישט לאַנג צוריק איז מיר אויסגעקומען צו ווילן אויף אַ שב"ק מיט אַריבער 300 עלטערן וואָס האָבן ל"ע אַ נישט געזונט קינד אין שטוב. **איך געדענק נישט אין מיין לעבן אַזאַ דערהויבענעם שבת!** אַ ציבור פון עטליכע הונדערט אידן, וואָס יעדער איינער לעבט מיט אַזאַ אמונה, מיט אַזאַ הכנעה און מיט אַזאַ ביטול פאַר'ן אויבערשטן. **די ליכטיגקייט וואָס האָט זיך דאָרט געשפּירט איז געווען בוקע רקיעים, ווייל זייערע יסורים האָבן ממלא געווען דעם תפקיד,** ס'האָט אַרויסגעברענגט די שיינקייט פון זייערע נשמות מיט אַזאַ ערליכקייט און איידלקייט, ממש ווי דוד המלך זאָגט: "טוב לי כי עוניתי למען אלמד חוקיך".

ב

## ולך ה' חסד; ווען די שוועריגקייט איז 'מדה כנגד מדה' ווייסט מען גרינג וואָס מען דאַרף פאַרעכטן

### די ריכטיגע אָפּטייטש פון 'יפשפש במעשיו'

יעצט, אַז מיר ווייסן שוין פון אָט דעם יסוד, לאָמיר צוריקגיין און זען דעם אויבנדערמאַנטן מאמר חז"ל: "אם רואה אדם שיסורין באין עליו, יפשפש במעשיו, פשפש ולא מצא יתלה בביטול תורה".

רש"י אויפ'ן פּלאַץ, לערנט אונז פּשט אין דער גמרא: "פשפש ולא מצא, לא מצא עבירה בידו שבשבילה ראוין יסורין אלו לבוא". - פון די ווערטער פון רש"י זען מיר קלאָר אַז דאָס וואָס די גמרא זאָגט 'יפשפש במעשיו', איז טייטש אַז **מען זאָל זוכן אַזאַ סאָרט עבירה וואָס 'בשבילה ראוין יסורין אלו לבוא'.**

'יפשפש במעשיו' מיינט 'נישט' אַז דער מענטש זאל יעצט אַריינפאַלן אין אַ מרה שחורה מיט ספיקות און חשבונות. עס מיינט 'נישט' אַז מען זאָל אָנהויבן זוכן אַלע סאָרט אַלטע עבירות; אויב ער האָט מיט יאָרן צוריק, אַלס יונגער בחור אין ישיבה, געטון עפּעס אַן עולה וכדו', נישט דאָס מיינט די גמרא! חז"ל זאָגן אונז דאָ אַז די ערשטע זאַך דאַרף מען פּרובירן, פון אויבנאויף, צו טרעפן אַן עבירה וואָס עס איז מסתבר און עס שטימט אַז די יסורים איז געקומען צוליב דעם.

צדיקי אמת האָבן אַזוי אויסגעלערנט און מייעץ געווען, אַז ווען מען טרעפט זיך אין אַן 'צרה', **זאָל דער מענטש לעבן מיט 'טוב', מען זאָל נישט זיין פאַרנומען צו גריבלען מיט ספיקות,** נאר בלויז געבן אַ בליק אויב ס'איז דאָ אַ חטא וואָס איז ממש 'מדה כנגד מדה' און דאָס מתקן זיין.

### די געוואַלדיגע חסד ה' ווען מען באַמערקט די 'מדה כנגד מדה' פון די יסורים

אַזוי זאָגט בפירוש דער הייליגער **'פרי מגדים'** אין זיין ספר **'ראש יוסף'**, דאָרט אויף די גמרא אין מסכת ברכות, אַז 'יפשפש במעשיו' איז טייטש אַז דער מענטש זאָל זען אויב ער קען טרעפן עפּעס אן עבירה וואָס עס קען זיין אַז די יסורים קומען צוליב

דעם אויף אַן אופן פון 'מדה כנגד מדה'.

דער פרי מגדים זאָגט אַז דאָס איז פשט אין פסוק: "**וּלְךָ ה' חָסֶד כִּי אַתָּה תְשַׁלֵּם לְאִישׁ כְּמַעֲשֵׂהוּ**" -אויך דער **אלשיך הק'** טייטשט אַזוי דעם פסוק - אַז דער רבוש"ע גיט נישט קיין יסורים פאַר'ן מענטש בלויז אים צו פייניגן, נאר אים צו מעורר זיין אַז ער זאָל גרינג קענען באַמערקן וואָס פאַראַ חטאים ער דאַרף פאַרריכטן. דעריבער ברענגט מען אים פון הימל אַזעלכע יסורים וואָס שטימט מיט די חטאים, מדה כנגד מדה, אַז דער מענטש זאל לייכט פאַרשטיין וואָס זיין תיקון דאַרף זיין.

דאָס איז טייטש "לך ה' חסד" - דער אויבערשטער טוט אַ חסד; דערמיט וואָס "כי אתה תשלם לאיש כמעשהו" אַז ער גיט די יסורים אויף אַן אופן פון 'מדה כנגד מדה', אַז דער מענטש זאל גרינגערהייט קענען כאַפּן פאַרוואָס דאָס איז געקומען. **דער רבוש"ע וויל נישט אַז דער מענטש זאָל יעצט זיצן און זיך ברעכן קאָפּ ביז ער וועט טרעפן אַן עבירה, נאר מיט אַ קורצע מחשבה אויף 'מדה כנגד מדה' זאָל ער באַלד טרעפן וואָס ער האָט צו פאַררעכטן!**

אַמאָל אויב דער מענטש ווייסט נישט וואָס צו מתקן זיין, דאַרף ער פרעגן אַ מורה דרך אָדער אַן ערליכן איד, אָבער ס'איז זיכער אַז '**יפשפש במעשיו' מיינט בלויז צו געבן אַ בליק אויבנאויף**, אויב ס'איז פאַראַן דאָ אַ 'מדה כנגד מדה', און נישט זיך אַריינלייגן מיט ספיקות און זוכעניש וואָס וועלן אים בלויז נאָכמער מבלבל זיין דעם מח און די האַרץ.

## דער שידוך איז בטל געוואָרן; ממש 'מדה כנגד מדה'

די פאָלגענדע מעשה האָב איך הערשט נעכטן געהערט פון דעם 'בעל העובדא', אַ חשוב'ער איד אַ בעל זכרון, וואָס האָט נאָך געלערנט אין דער ישיבה אין לעיקוואוד, ביי הגאון רבי **אהרן קאָטלער** ז"ל.

דער איד געדענקט אַז ווען הגאון רבי **אברהם יוסף ראזנבלום** זצ"ל, ראש ישיבת שערי יושר, איז אָנגעקומען אַלס בחור פון אייראָפּע צו דער לעיקוואוד ישיבה, איז אים שווער געגאַנגען אַ שידוך. הגם ער איז געווען אַ געוואלדיגער מתמיד און ירא שמים מיט אַלע מעלות, איז ער נישט געווען צוגעשטעלט צו דער גשמיות'דיגער אַמעריקאַנער וועלט; ער איז געקומען פון אייראָפּע צעריסן און צעשליסן און איז אַגאַנצן טאָג געזיצן און געלערנט מיט התמדה, וואָס דעריבער האָט זיך זיין שידוך אויפגעהאַלטן.

דאָרט אין ישיבה געווען אַן אַנדערער בחור, לאָמיר אים רופן 'ראובן', וואָס האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ שפּיצל אויף זיין חשבון. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ 'שמועה' אַז דער בחור יוסף ראזנבלום איז אַ חתן געוואָרן.

פאַרציילט דער איד אַז ער איז צוגעגאַנגען צום 'חתן' אים געבן 'מזל טוב', אָבער ר' יוסף האָט אים געזאָגט אַז ס'איז פשוט נישט ריכטיג, ער איז נאָכנישט קיין חתן. אַזוי האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דער 'ראובן' האָט איינפאַך געמאַכט ליצנות פון אַ חשוב'ן בחור.

אַביסל שפּעטער האָט 'ראובן' געטראָפן אַ קנאַקעדיגן שידוך 'אַזאַנס און אַזעלכעס'; אַ שיינע משפּחה, מיט געלט, יחוס, און אַלע צוגעהערן. אָבער ווען ס'האָט זיך דערנענטערט דער זמן החתונה האָבן די חברים אין ישיבה זיך געוואונדערט פאַרוואָס ער פאָרט נישט אַהיים, ביז מען האָט אים געפרעגט און ער איז געווען געצוווינגען צו דערציילן, מיט גרויסע בזיונות, אַז דער שידוך איז בטל געוואָרן.

דער בחור האָט נישט געדאַרפט זיין קיין גרויסער 'בעל רוח הקודש' צו פאַרשטיין פאַרוואָס ס'איז אים געקומען דער עונש... דאָס איז דאָך קלאָר געווען אַ 'מדה כנגד מדה', וואָס מען האָט אים געשיקט פון הימל, און ווי דער פסוק זאָגט "לך ה' החסד כי אתה תשלם לאיש כמעשהו" איז זיכער אַז דער עונש איז געקומען פון גרויס אהבה וואָס דער רבוש"ע האָט געהאַט צו אים, ווייל 'אַך און וויי' אויב וואָלט מען געוואַרט ביז ער קומט אָן אויף יענע וועלט מיט אַזאַ עבירה.

## די ספר תורה איז גע'גנב'ט געוואָרן 'מדה כנגד מדה'

אין ספר **כתר ראש**, וואו ס'איז באַשריבן די תולדות פון הגאון רבי **חיים וואָלאָזשינער** זצ"ל, ווערט דערציילט אַז ער איז געווען זייער נזהר צו הערן די 'קריאת התורה' מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, און ער האָט שטאַרק מקפיד געווען דאָס קיינמאָל נישט צו פאַרפאַסן.

אַמאָל, ווען רבי חיים וואָלאָזשינער איז געפאָרן צו דער חתונה פון זיין זון ר' יצחק, איז ער אָנגעקומען צו אַ שטעטל וואו ס'איז נישט געווען קיין ספר תורה. ער האָט געוואָלט פאָרן צו אַן אַנדערע שטאָט, וואו מען קען נאָך טרעפן אַ מנין און דאָרט הערן קריאת התורה, אָבער דאָרט איז געווען אַן עלטערער רב וואָס האָט אים געזאָגט אַז על פי הלכה דאַרף מען נישט טון אַזאַ 'טרחא' כדי צו הערן קריאת התורה. רבי חיים האָט דאָס אָנגענומען און ער איז דאָרט געבליבן.

ווען דער גאון איז צוריק אַהיימגעקומען נאָך דער חתונה, האָט ער געזען אַז די פריוואַטע 'ספר תורה', וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך אין שטוב, איז געוואָרן גע'גנב'ט! ער האָט באַלד מפשפש געווען במעשיו און זיך באַרעכנט אַז דאָס האָט אים פּאַסירט ווייל ער האָט פאַרפאַסט אַ קריאת התורה.

דער אויבערשטער וויל נישט מיר זאָלן צובראָכן ווערן מיט גריבלענישן נאָך אַלטע חטאים און אָנקומען צו גאָרנישט, נאָר ס'איז דאָ אַ לייכטע מהלך, צו געבן אַ קוק אויב ס'איז פאַראַן דאָ אַן ענין פון 'מדה כנגד מדה',

ער האָט אויף זיך מקבל געווען אַז ער וועט מהיום והלאה זייער שטאַרק נזהר זיין מיט דעם ענין.

ווי נאָר ער האָט תשובה געטון האָט מען געפינען דעם גנב און די ספר תורה איז צוריקגעקערט געוואָרן. (דער 'כתר ראש' לייגט צו, אַז אַזוי האָט טאַקע רבי חיים וואָלאָזשינער זצ"ל געהאַט מקובל פון זיין רבי'ן, דער גר"א ז"ל, אַז ווען דער מענטש טוט תשובה איז מען אים ממלא זיין חסרון פון הימל. ווי מיר געפינען אין דער גמרא (ברכות ה, ב), אַז ביי רב הונא איז קאַליע געגאַנגען 400 פעסער וויין און גלייך נאָכדעם וואָס ער האָט געמאַכט אַ 'חשבון הנפש' האָט מען אים ממלא געווען דעם חסרון.)

ווען רבי חיים וואָלאָזשינער האָט געעפענט די ספר תורה האָט ער געזען אַז עס פעלט דערפון ממש די זעלבע 'יריעה' וואו עס שטייט די פרשה וואָס ער האָט דעמאָלט פאַרפאַסט זייענדיג אויפ'ן וועג. האָט ער געזאָגט אַז דאָס איז שוין אַ 'שכר' פון הימל, אַז ער זאָל זוכה זיין צו שרייבן די יריעה, און נאָכאַמאָל מקיים זיין די מצוה פון 'כתיבת ספר תורה' - אין אַ בחינה פון " גדולה תשובה שזדונות נעשות לו כזכיות".

## יעדער קען זיך מתבונן זיין אויב ס'איז דאָ אַן ענין פון 'מדה כנגד מדה'

די מעשה איז נאָך אַ ביישפיל פון דעם 'יפשפש במעשיו' וואָס חז"ל רעדן דערפון. און באמת קען יעדער מענטש טרעפן ביי זיך אַזעלכע סאָרט זאַכן צו מפשפש זיין במעשיו. **ווען ער זעט אַז ס'גייט אים שווער מיט דער פרנסה, זאָל ער קוקן אויב ער האָט דעם חודש זיך מקיל געווען מיט געבן 'מעשר', אָדער האָט ער געמאַכט אַ שפּיצל אין ביזנעס און נישט געהאַנדלט אַזוי ערליך**, וואָס דעריבער האָט ער פאַרלוירן געלט פון דער אַנדערער זייט, א.ד.ג.

דער רבוש"ע האָט אונז געגעבן אַ לעכטיגע תורה וואָס איז געמאַכט געוואָרן אַז מיר זאָלן דאָס פאַרשטיין אָן קיין ספיקות. **דער אויבערשטער וויל נישט מיר זאָלן צובראָכן ווערן מיט גריבלענישן נאָך אַלטע חטאים און אָנקומען צו גאָרנישט**, נאר ס'איז דאָ אַ לייכטע מהלך, צו געבן אַ קוק אויב ס'איז פאַראַן דאָ אַן ענין פון 'מדה כנגד מדה', ווי רש"י זאָגט דאָס לשון "שבשבילה ראוין יסורין אלו לבוא".

## צו אַנהויבן לערנען ש"ס דאַרף מען אַ 'רבי'

צומאָל ווייסט דער מענטש נישט אַזוי קלאָר אויף וואָס צו קוקן, קען מען אַלעמאָל פרעגן און לערנען פון אַ רבי און מורה דרך, וואָס זאָל אים העלפן אָנקומען צום אמת.

ס'איז דאָ אַ וואָרט פון היילגן **חתם סופר** זי"ע מיט אַ טעם פאַרוואָס רוב מסכתות אין ש"ס הייבן זיך אָן 'פון אינמיטן'. צ.ב.ש. מסכת ברכות הייסט זיך אָן: "מאימתי קורין את שמע", נישט מיט די עיקר מצוה אַז מען דאַרף ליינען קרי"ש. דאָס זעלבע איז די ערשטע משנה אין מסכת סוכה: "סוכה שהיא גבוה למעלה מעשרים אמה פסולה", אַנדעם וואָס עס זאָל שטיין די עיקר מצוה פון זיצן אין סוכה, און אַזוי איז ביי כמעט אַלע מסכתות.

זאָגט דער חתם סופר זי"ע אַז דאָס איז ספּעציעל אַזוי אויסגעשטעלט **געוואָרן כדי אַז דער מענטש זאל דאַרפן לערנען ביי אַ רבי; ער זאָל מוזן האָבן די הכנעה און לערנען פון די פריערדיגע, וואָס אַזוי אַרום וועט ער זיך נישט נאַרן און אָנקומען צו דער ריכטיגער מסורה**. אַז ס'איז נישט קלאָר אויף וואָס פאַראַ ענין מ'דאַרף מפשפש זיין במעשיו, קען מען אייביג פרעגן אַ רבי אָדער אַ מורה דרך!

# חלקי ה' אמרה נפשי; דורך די יסורים וועסטו טרעפן דיין אייגנאַרטיגע נשמה - ליכטיגקייט

## דו דאַרפסט באַקומען דיין 'חלק התורה'

אַצינד זאָגן אונז חז"ל ווייטער, אַז "פשפש ולא מצא יתלה בביטול תורה". - ווי דערמאַנט פרעגן מענטשן אַ שאלה: "וואָס הייסט 'ולא מצא'?! יעדער האָט דאָך עפּעס עבירות?!", אָבער באמת, מיינט דאָס נישט אַלעמאָל אַז ער האָט נישט געלערנט גענוג פלייסיג, ווי ערוועהנט אַז ס'איז דאָ אויך יונגע קינדער וואָס ווערן געבוירן מיט אַ פעלער, וואָס אודאי קענען זיי דאָס נישט תולה זיין אין 'ביטול תורה'.

נאָכמער; פופציג פּראָצענט פון כלל ישראל זענען דאָך 'נשים', וואָס זענען נישט מחויב מיט 'לימוד התורה'; וויאַזוי טייטשט מען ביי זיי ""יתלה בביטול תורה""?! דאָס זעלבע איז מיט קינדער וואָס זענען נאָכנישט מחויב מיט 'לימוד התורה', אין וואָס זאָלן זיי תולה זיין די יסורים?!

דערפאַר שטייט אין ספרים הק' אַז דאָ ליגט עפּעס טיפער אין די ווערטער: אויב דער מענטש געפינט נישט אַן ענין פון 'מדה כנגד מדה' פאַרוואָס די יסורים זענען זיך אים געקומען. **זאָל ער דאָס תולה זיין אַז דאָס האָט מען אים געגעבן פון הימל, ווייל דורכדעם וועט ער צוקומען צו זיין ספּעציפישע 'חלק התורה'!**

די יסורים וועלן אים נאָנטער ברענגען צו מגלה זיין דעם חלק התורה פון זיין נשמה! און דאָס איז שייך סיי ביי מענער, סיי ביי פרויען, גרויסע און קליינע, ווייל יעדער איד איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט כדי צו משיג זיין דאָ אַ געוויסע תכלית בשלימות.

## די יסורים פון דעם בחור אין דער ווייטער ישיבה, ברענגט אים צו זיין שלימות

לאָמיר דאָס בעסער מקרב זיין אל השכל:

אַמאָל גייט מען אַריין אין בית המדרש און מען זעט ווי עס זיצט אַ בחור'ל און לערנט פלייסיג. אינמיטן קומט צו אַ חבר און הייבט אן שמועסן מיט אים דברים בטלים. עס באַדערט אונז אַביסל די 'ביטול תורה' וואָס דאָ האָט פאַסירט. דאַן ווערן מיר געוואויר אַז דער בחור איז נישט קיין פשוט'ער בחור, נאָר ער איז גאָר אַ שטאַרקער בעל כשרון, וואָס אויב ער וועט אויסנוצן די צייט וועט ער אויסשטייגן דער קומענדיגער גדול הדור. יעצט ווערן מיר שוין אינגאַנצן צעשוידערט, מ'רעדט דאָ נישט פון 'ביטול תורה' פאר צוויי מינוט, נאר אַ ריזיגע ביטול תורה פון דעם קומענדיגן דור.

דאַן הערן מיר אַז דאָס איז נישט קיין איינמאָליגע ערשיינונג, נאר אַ גאַנצע צייט קומען חברים און מען שטערט אים דאָ פון לערנען. מיר באַשליסן אַז מען דאַרף עפּעס טון צו ראַטעווען דעם מצב. מען נעמט און מען שיקט אים לערנען ווייט אַוועק, אין אַ פּאַסיגע ישיבה מעבר לים, וואו ער קען ריכטיג אויסשטייגן אין אַ גוטע סביבה.

למעשה איז פאר דעם בחור שווער דאָרט, די מאַטראַץ איז נישט באַקוועם... ער בענקט זיך צו זיינע עלטערן... אָבער ער מוז יעצט אַריבערגיין די שוועריגקייטן, **כדי ער זאָל קענען צוקומען צו זיין חלק פון תורה!** כדי ער זאָל קענען מגלה זיין די באַהאַלטענע כוחות הנפש זיינע, **וואָס ער וועט דערמיט באַלייכטן די וועלט!**

ממש די זעלבע זאַך שפּילט זיך אָפּ אַסאַך מאָל ווען דער מענטש דארף משיג זיין די ספּעציעלע חלק פון 'זיין תורה'. ער דאַרף אַרויסברענגען זיין ליכטיגקייט וואָס בלויז זיין נשמה קען אַרויסגעבן, מוז ער דערפאַר דורכגיין יסורים. לאו דוקא ווייל ער האָט געטון אַ געוויסע עבירה, נאר ווייל זיין 'חלק התורה' מוז דורכגיין דעם וועג פון יסורים. ווען ער וועט האָבן שוועריגקייט וועט ער זיין געצווינגען זיך צו מחזק זיין מיט נייע מושגים אין אמונה, תפלה, קרבת אלקים, און אַזוי וועט ער אָנקומען צו דעם שלימות פאַרוואָס ער איז באַשאַפן געוואָרן אויף דער וועלט!

## די נשמה האָט פולקאָם מסכים געווען צו דעם גאַנצן פעקעלע פון יסורים

מיט דעם קען מען דאָך אַזוי גוט פאַרשטיין וואָס דער '**רבינו בחיי**' זאָגט אין פרשת כי תצא, אויפ'ן פסוק "ועשית מעקה לגגך", אַז **יעדע נשמה, איידער זי קומט אַראָפּ אויף דער וועלט, איז פולשטענדיג מסכים צו אלע יסורים וואָס זי גייט ליידן**. די נשמה גיט אַ פולקאָמע הסכמה אויף דעם גאַנצן פעקעלע וואָס דער מענטש גייט מיטמאַכן זיין גאַנץ לעבן. ווייל די נשמה ווייסט גוט אַז איר גאַנצע תכלית און שלימות פאַרוואָס זי איז אַראָפּגעקומען דאָ, איז כדי צו באַקומען איר חלק אין דער תורה! און דער וועג וויאַזוי דאָס צו באַקומען איז אַסאַך מאָל דוקא דורך די שוועריגקייטן! **אודאי איז די נשמה מסכים דערצו!**

ווען אַ איד טרעפט זיך אין אַ מצב פון "יסורים באים עליו'; די פרנסה גייט שווער; עס קומט נישט אונטער אַ שידוך; מען וואַרט אויף קינדער, א.א.וו, **אַנשטאָט ער זאָל ווערן צעבראָכן אַז פונקט ער דאַרף אַזויפיל מיטמאַכן, מער פון אַלע זיינע אַרומיגע, זאָל ער פאַרשטיין אַז דאָס אַלעס איז אַ געוואַלדיגע מהלך כדי אַז ער זאָל אָנקומען צו זיין בעסטע תכלית!**

אודאי זאָל ער קודם מפשפש זיין במעשיו, צו זען אויב ס'איז נישטאָ עפּעס קיין אָפענע 'מדה כנגד מדה' וואָס ער קען מתקן זיין, אָבער אויב ער האָט נישט געטראָפן, דעמאָלט פאָר ווייטער! **בלייב נישט דאָרט!** 'יתלה בביטול תורה'! **גלייב אַז דו האסט אַ 'חלק מיוחד' אין דער תורה** וואָס דו גייסט מגלה זיין דורך די שוועריגקייט!

## הקב"ה מתאווה לתפילתן של צדיקים

מיר געפינען ממש דעם יסוד אין די ווערטער פון חז"ל (יבמות סד, א): **"מפני כך היו אמהותנו עקרות, מפני שהקב"ה מתאווה לתפילתן של צדיקים"** - די גמרא זאָגט נישט אַז די אמהות הק' זענען געווען עקרות ווייל זיי האָבן געדאַרפט מפשפש זיין במעשיהם, נאר כדי זיי זאָלן צוקומען צו דאַווענען אַזאַ תפלה וואָס זאָל מאַכן אַ נחת רוח פאַר'ן אויבערשטן!

## צדיקים דאַרפן גאָרנישט; זייער איינציגע תפלה איז אויף קינדער

**הרה"ק מסאַטמאַר זי"ע** האָט מדייק געווען אויף די גמרא, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער נישט געשיקט אַנדערע צרות כדי די אמהות זאלן דאַווענען?!

נאר דער נאַטור פון צדיקים איז דאך אַז זיי זענען אַלעס מקבל באהבה. ביי אַלע זייערע שוועריגקייטן זענען זיי זיך מחזק מיט בטחון אַז ס'איז זיכער לטובה, אָבער דער ענין פון 'קינדער' איז אַזאַ זאַך וואָס אפילו צדיקים ווילן דאָס אַזוי שטאַרק האָבן, צו קענען אויפשטעלן סאָלדאַטן פאר השי"ת און ווייטער איבערגעבן די תורה פאַר די קומענדיגע דורות, דעריבער זענען זיי אויף דעם מתפלל אַן אמת'ע תפלה מעומק הלב, וואָס צו אַזאַ טיפע תפלה איז דער רבוש"ע מתאוה. -**דורך די יסורים, פון נישט האָבן קיין קינדער, זענען זיי משלים זייער חלק בתורה!** אַדאַנק דעם זענען זיי אָנגעקומען צו אַזאַ מדריגה פון תפלה וואָס האט געברענגט דעם גרויסן נחת רוח פאַר'ן אויבערשטן!

## דער בית אהרן לערנט אָפּ; די וואָגן האָט זיך צעבראָכן כדי אים צו מזכה זיין

דער הייליגער '**בית אהרן**' פון קאַרלין זי"ע איז אַמאָל געפאהרן אין אַ וואָגן אונטערוועגנס אליינס מיט אַ 'בעל עגלה'. אינמיטן וועג האָט זיך צעבראָכן די לאַנגע אייזן וואָס באַהעפט די צוויי רעדער פונעם וואָגן, (וואָס ווערט אָנגערופן די 'אַקס'). כדי דאָס צו פאַררעכטן האָט זיך אויסגעפעלט צוויי מענטשן, איינער זאל אונטערהייבן דעם וואָגן אַז דער צווייטער זאָל קענען צוריקלייגן ריכטיג דאָס אייזן.

ווען דער בעל עגלה איז אַראָפּ צו פאַררעכטן דעם וואָגן האָט ער זיך נישט געקענט קיין עצה געבן, ווייל ער האָט אודאי נישט געהאַט די העזה צו בעטן דעם צדיק אַזאַ זאַך. דער בית אהרן האָט אָבער באַמערקט וויאַזוי ער מוטשעט זיך, האָט

> נישט ווייל זיי האָבן געדאַרפט מפשפש זיין במעשיהם, נאָר כדי זיי זאָלן צוקומען צו דאַווענען אַזאַ תפלה וואָס זאָל מאַכן אַ נחת רוח פאַר'ן אויבערשטן!

ער איז געזאָגט: **"פאַרוואָס טראַכסטו נישט אַז מען האָט מיך פון הימל געוואָלט מזכה זיין מיט די מצוה פון 'עזוב תעזוב'?! אין שטאָט וואָלט איך וועגן קיינמאָל נישט זוכה געווען צו טון אַזאַ מצוה"**... דער צדיק האָט אים טאַקע צוגעהאָלפן און דער בעל עגלה האָט אַזוי געקענט פאַררעכטן דעם וואָגן און פאָרן ווייטער.

דער בית אהרן האָט גלייך פאַרשטאַנען אַז אויב האָט ער זיך געטראָפן אין אַ פּראָבלעם, **האָט דער רבוש"ע אים אַריינגעלייגט אין דעם מצב, כדי ער זאָל קענען משלים זיין נאָך אַ חלק פון זיין תורה וואָס ער וואָלט נישט געקענט טון אין געוויינליכע אומשטענדן!**

אַזוי איז פאַרהאַן אומצאָליגע מעשיות פון צדיקים און פון פשוט'ע מענטשן, וואָס האָבן געזעהאַט דעם ריכטיגן התבוננות, אַז ווען מען שיקט פון הימל אַ שוועריגקייט, **איז דאָס אַ געלעגנהייט צו אַרויסברענגען פונעם מענטש נייע טיפקייטן און השגות**, וואָס האָט זיי געברענגט צו זייער תכלית השלימות!

ד

# למען 'אַלַמֵּד' חוקיך; מיט דיינע שוועריגקייטן ביזטו אַ 'מלמד תורה' פאַר'ן ציבור

## משלים זיין חלקו בתורתו דורך לערנען מיט אַנדערע אידן

צומאָל איז פאַרהאַן נאָך אַ בחינה, אַז דער מענטש גייט דורך שוועריגקייטן, **נישט בלויז צו משלים זיין אייגענע 'חלק התורה', נאָר ווייל דורכדעם לערנען זיך אַנדערע אידן פון אים און עס ווערט נשלם אויך 'זייער חלק התורה'**. אַזאַ מענטש ווערט אַ בחינה פון אַ 'מלמד תורה לאחרים' וואָס די שכר דערפון איז דאָך אַזוי גרויס!

אַזוי שטייט אין **חובת הלבבות** און אין אַנדערע ראשונים אַז אַמאָל איז דאָ אַ קינד וואָס איז נישט געזונט ל"ע, און די תכלית דערפון איז אַז די וואָס זען אים דאַנקן דעם אויבערשטן אַז זיי זענען יאָ געזונט און שטאַרק. דאָס איז דער 'חלק התורה' פון דאָס קינד און אַזוי איז ער ממלא זיין תכלית אויף דער וועלט! אַסאך מאָל ברענגען די סאָרט קינדער אַריין אַ נייע סאָרט לעבן פון אמונה און התחזקות ביי זייערע עלטערן, ביי זייערע געשוויסטער, ביי די אַרומיגע מענטשן, **איר ווייסט וואָס פאַראַ גרויסע מגידי שיעור זיי זענען?! איר ווייסט פאַראַ תורה זיי האָבן משלים געווען אויף דער וועלט?!** זייער נשמה האָט מסכים געווען צו די אַלע יסורים ווייל דורכדעם וועלן זיי ווערן מלמדים פאַר'ן גאַנצן כלל!

## ווי גרויס איז דער זכות פון אַזעלכע 'מלמדי תורה'

לאָמיר נעמען אַ ביישפיל פון הגה"ח רבי אברהם דוד בן שרה בלומא ווייס שליט"א פון מאנסי, אַ איד וואָס קען נישט רירן קיין אבר ל"ע, אָבער ער זיצט און לערנט מבוקר ועד ערב מיט אַזאַ לויטערקייט. קען מען דען זאָגן אַז דאָ איז שייך "פשפש במעשיו" מיט אַן ענין פון 'מדה כנגד מדה'?! אָבער אודאי איז יאָ שייך דאָ דער ענין פון 'יתלה בביטול תורה', **ווייל דער איד האָט דאָך אַזויפיל תלמידים וואָס האָבן באַקומען זייער 'חלק התורה' דורך אים!** וויפיל אידן זענען נתקרב געוואָרן צו השי"ת דורך אים זען!! **דאָס איז אַלעס 'זיין' חלק בתורה!**

נאָך אַ דוגמא איז דער טייערער איד וועלכער האָט מייסד געווען די אָרגאַניזאַציע 'בוני עולם', וואָס האָט שוין געהאָלפן טויזנטער אידישע קינדער אויפשטעלן דורות. דער איד וואָלט דאָך געקענט ווערן צעבראָכן און מיואש פון זיין אייגענע שוועריגקייט, אָבער **ער האָט פאַרשטאַנען אַז דוקא אין זיין מצב ליגט באַהאַלטן אַ 'חלק התורה' וואָס בלויז ער אַליינס קען מגלה זיין**, און ער האָט טאַקע זוכה געווען צו אויפשטעלן אַזאַ ריזיגע חסד אַפּאַראַט צו לעבעדיג מאַכן אידישע שטיבער.

אַזוי איז פאַרהאַן זייער אַסאַך מענטשן וואָס אויף זיי קען מען זאָגן דעם פסוק - "טוב לי כי עוניתי למען אַלַמֵּד חוקיך". זייערע שוועריגקייטן מאַכט אַז אַנדערע אידן זאָלן זיך לערנען און געהאָלפן ווערן דורך זיי. דאָס האָט טאַקע דוד המלך געבעטן, ווען ער האָט זיך געפינען אין אַ צרה, (תהלים נא, טו): "**אֲלַמְּדָה פֹשְׁעִים דְּרָכֶיךָ וְחַטָּאִים אֵלֶיךָ יָשׁוּבוּ**" - רבוש"ע העלף מיר, אַז איך זאָל דורך די צרה קענען אויסלערנען פאַר אַנדערע אידן זיך צוריקצוקערן צו דיר!

## די תשובה פון רבי עקיבא: "כדי שניצול אנו בהן מדינה של גיהנום" פאַר אַלע מצבים

די **גמרא** פאַרציילט אין מסכת **בבא בתרא** (דף י, א) אַז טורנוסרופוס הרשע האָט געפרעגט פון רבי עקיבא: "**אם אלוקיכם אוהב עניים הוא, מפני מה אינו מפרנסם?**" - אויב דער אויבערשטער האָט ליב אָרימע מענטשן, פאַרוואָס שפּייזט ער זיי נישט?! האָט רבי עקיבא אים געענטפערט: "**כדי שניצול אנו בהן מדינה של גיהנום**"- ווייל דורכדעם וואָס מיר וועלן געבן צדקה וועלן מיר ווערן ניצול פון גיהנום.

אָט די שאלה און תשובה איז 'על הכלל כולו יצא'! דאָס איז נישט בלויז אַקטועל לגבי געלט, נאָר ביי אַלע יסורים וואָס אַ מענטש גייט אַריבער ווערט שווער די פראַגע: אויב דער רבוש"ע האָט ליב זיינע קינדער פאַרוואָס איז דאָ חשוכי בנים?! פאַרוואָס איז דאָ עניים בדעת?! פאַרוואָס איז דאָ מענטשן וואָס ליידן יסורים?!

איינס פון די תשובות איז טאַקע דאָס, **כדי אַז די אַרומיגע מענטשן זאָלן זיך אָפּלערנען פון זיי!** אַזוי האָט דער 'בעל היסורים' מגלה געווען חלקים פון דער תורה וואָס איז נשלם געוואָרן 'בחברותא', דורכדעם וואָס אַנדערע אידן האָבן דאָס קונה געווען פון אים, און אַזוי האָט ער משלים געווען זיין חלק און זיין תכלית אויף דער וועלט!

## אין די ווערטער 'יתלה בביטול תורה' ליגט אויך דער תיקון הנשמה פון פריערדיגע גלגולים

איינס פון די שאלות אין אַנהויב איז געווען, פאַרוואָס ווערט נישט אין די גמרא דערמאַנט דעם ענין פון 'גלגולים', אָבער באמת שטייט דאָס זייער קלאָר דאָ. ווי ערקלערט אַז 'יתלה בביטול תורה' איז טייטש אַז **דער מענטש דאַרף משלים זיין געוויסע חלקים פון 'זיין' תורה**, וואָס דאָס איז די תכלית פאַרוואָס זיין נשמה איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט.

**דאָס באַדייט אויך אַז ער דאַרף דאָ מתקן זיין די פריערדיגע גלגולים!** 'יתלה בביטול תורה' איז טייטש אַז זיין נשמה דאַרף דאָ ערפילן געוויסע תיקונים פון די אַלטע גלגולים, און בלויז דורך די יסורים וועט דאָס קענען פאַסירן אויפ'ן בעסטן פאַרנעם, פאַר זיין אייביגע שלימות!

## אינגעלייט דאַרפן גיין וואוינען אין די נייע ישובים פאַר זייער שלימות הנפש

די **גמרא** זאָגט אין מסכת **בבא מציעא** (דף עה, ב): **האי מאן דביש ליה בהא מתא ליזל למתא אחריתי** - ווען ס'איז נישט גוט אין זיין פּלאַץ זאָל ער אַריבערגיין וואוינען אין אַן אַנדערע פּלאַץ.

בפשטות איז דער טעם דערפון ווייל "משנה מקום משנה מזל", אויב דער מענטש וועט טוישן זיין וואוינאָרט, וועט זיך אויך טוישן זיין מזל מיט אַן אַנדערע און בעסערע הנהגה.

אָבער דער **ישמח משה** (ליקוטים) זאָגט אַז דאָס איז אַ טעות. די אמת'ע טייטש דערפון איז אַז ווען אַ מענטש דערזעט זיך אַז ס'איז אים נישט גוט אויף אַ פּלאַץ, איז דאָס אַ סימן פון הימל אַז ער דאַרף אַריבערגיין צו אַן אַנדערע שטאָט, ווייל דוקא דאָרט וועט ער קענען אַנטפּלעקן 'זיין' חלק התורה!

**דער רבוש"ע שטופּט דיך צו גיין וואוינען אויף אַן אַנדערע פּלאַץ, ווייל דיין חלק התורה דאַרף דאָרט נתגלה ווערן!** דאָס קען נישט געשען אויף דעם אָרט וואו דו געפינסט זיך 'יעצט'!

אַסאַך אינגעלייט באַקלאָגן זיך אַז זייערע געשוויסטער האָבן געקענט קויפן הייזער צו וואוינען נעבן זייערע עלטערן, אָבער זיי זענען שוין געצווינגען צו גיין זיך באַזעצן אין נייע געגנטער, וויבאַלד די דירות מאַרקעט איז אַרויפגעשפּרונגען שרעקליך טייער. מען זעט וויאַזוי דאָס איז געשען אין דער זעלבער תקופה ממש אין דער גאַנצער וועלט, אַז אידן וואָס זוכן נייע דירות מוזן גיין וואוינען אין פרישע ישובים, ווייט פון זייערע עלטערן.

ס'איז דאָך קלאָר אַז נישט אַלעמאָל קומט דאָ אַריין דאָס ענין פון "הרואה יסורים באים עליו יפשפש במעשיו", אָבער ס'איז יאָ רעלעוואַנט דער יסוד פון "יתלה בביטול תורה" - **פון הימל פירט מען אַזוי אַז דו זאָלסט גיין וואוינען אין דעם פאַרשטופּטן מקום, ווייל די הצלחה פון דיין מיוחד'יגע חלק התורה געפינט זיך אויף דעם נייעם פּלאַץ!** דוקא דאָרט וועסטו משלים זיין די תכלית פאַרוואָס דו ביזט אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט!

מ'קען אפילו זען בגשמיות ווי אין די נייע ישובים ווערט איינער אויפגענומען פאַר אַ מלמד, איינער אַלס ראש הכולל, איינער פאַר אַ 'משגיח כשרות', א.א.וו. אָבער דאָס איז נישט בלויז נוגע לגבי דעם פּאָסטן, נאָר בכלליות, **איז יעדע פּלאַץ**

**געאייגנט פאר געוויסע נפשות**, וואָס בלויז דאָרט וועלן זיי צוקומען צו זייער שלימות.

## אין יעדע געגנט איז דאָ אַ חלק בתורה וואָס דאַרף מתוקן ווערן

אַזוי זאָגט דער **אור החיים הק'** אין פרשת מסעי, אַז אידישע קינדער האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביי יעדע פון די מ"ב מסעות לויט ווילאַנג מען האָט געדאַרפט מעלה זיין די 'ניצוצות' פון דעם פלאַץ. גלייך ווען מען האָט געענדיגט משלים זיין דעם תכלית פון דעם פלאַץ, האָט מען דאָס פאַרלאָזט און מען איז געפאָרן צו די קומענדיגע אָרט, צו מתקן זיין די דאָרטיגע 'ניצוצות'.

דער רבוש"ע שטעלט אונז דאָס אַזוי אויס, אַז **מיר זאָלן אָנקומען אויף די ריכטיגע פלאַץ וואָס איז געאייגנט פאר אונזער חלק התורה פון אונזער נשמה.** מען דאַרף פשוט מתפלל זיין אַז דער אויבערשטער זאָל אונז ליכטיג מאַכן די אויגן, דאָס צו שטענדיג געדענקן און וויסן, ווייל אויב דער מענטש עקשנ'ט זיך וועט מען אים מוזן חלילה צווינגען פון הימל. ער וועט בהכרח מוזן אָנקומען צו דעם ריכטיגן פלאַץ וואָס פאָדערט זיך, דאָרט צו משלים זיין דעם חלק התורה פאר זיין נשמה.

## אַ סך הכל פון דעם שיעור

לאָמיר אין קורצן איבערגיין די נקודות וואָס זענען אויסגעשמועסט געוואָרן אין די לעצטע צוויי שיעורים:

אין דעם פאָריגן שיעור איז ערוועהנט געוואָרן, מפי ספרים וסופרים, אַז ווען אַ איד טרעפט זיך אין אַ צרה **דאַרף ער די ערשטע זאַך: 'חייב אדם לברך על הרעה'! דאַנקן און לויבן דעם אויבערשטן פאר דעם 'טוב' וואָס ליגט דאָרט באַהאַלטן.**

די קומענדיגע שטאַפל דאַרף זיין: 'יפשפש במעשיו'; **זיך מתבונן זיין אויב ס'איז דאָ עפּעס אַן ענין פון 'מדה כנגד מדה', וואָס ער דאַרף דערויף מאַכן אַ חשבון הנפש.**

אָבער דאָס מיינט נישט אַז מען זאָל יעצט חלילה איינזינקען אין ספיקות און מחשבות, נאר מען זאָל גלייך גיין ווייטער צום שטאַפל פון 'יתלה בביטול תורה' - **וויסן און געדענקן אַז פון דעם מצב קען איך אַנטפּלעקן אַ ספּעציעלע 'חלק התורה' וואָס איז מיין תכלית, פאַרוואָס איך בין אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט.**

אַסאַך מאָל וועסטו דורך דעם מצב באַקומען דיין אייגענע נייע 'חלק התורה', און צומאָל וועט די שוועריגקייט גורם זיין אַז דו זאָלסט אויך ממשיך זיין דיין 'חלק התורה' פאר אַנדערע אידן. - וויפיל מענטשן זענען פאַרהאַן וואָס עס איז זיי קיינמאָל נישט איינגעפאַלן אַז זיי גייען עוסק זיין אין ישיבות אָדער הייליגע אָרגאַניזאַציעס, און בלויז צוליב דעם וואָס מען האָט זיי פון הימל געשטופּט זענען זיי אָנגעקומען דערצו. **זיי האָבן געהאַט יסורים און זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז דאָס איז דער 'חלק התורה' וואָס זיי דאַרפן מגלה זיין אויף דער וועלט!**

דער מענטש דארף נאר אויפהייבן די אויגן צום הימל און בעטן: "והאר עינינו בתורתך - רבוש"ע, ווייז מיר דעם וועג, אַז איך זאָל פאַרשטיין פונקטליך וואָס איז מיין 'חלק התורה', וואָס איך דאַרף דאָ לערנען פאר מיך און פאר אַנדערע"!

אַזאַ תפלה גייט קיינמאל לאיבוד, ווייל ביי רוחניות איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ תפלה וואָס ווערט נישט געענטפערט! **ס'איז זיכער אַז דער איד וועט טאַקע מצליח זיין מיט סייעתא דשמיא**, אַז ער זאָל שפּעטער קענען זאָגן מיט אן אויפריכטיגע שמחה דעם געזאַנג פון דוד המלך: "**טוב לי כי עוניתי למען אלמד חוקיך**"!

## מר אמר חדא ומר אמר חדא

אין די פריערדיגע שיעורים איז דערמאַנט געוואָרן וואָס דער 'רבינו יונה' שרייבט אַז די סיבה פאַרוואָס מען דאַרף מברך זיין על הרעה כשם שמברך על הטובה איז וויבאַלד דורך די יסורים האָט דער מענטש באַקומען כפרת עוונות.

ווידעראום דער רמב"ם, אין זיין 'פירוש המשניות', שרייבט אן אַנדערע טעם, וז"ל: **חייב אדם לברך על הרעה כשם שהוא מברך על הטובה, רוצה לומר שיקבלם בשמחה ויכבוש רגשותיו ויישב דעתו כשמברך ברוך דיין האמת, עד שייראה כמו בזמן שהוא מברך הטוב והמטיב, וכמו שאומרים חכמים ברוב ענייניהם 'כל מה דעביד משמיא לטב'. וזה דבר מושכל אצל הנבונים אף על פי שלא הזהירה עליו תורה, לפי שהרבה דברים נחשבין לרע בתחילתם וסופם מביאים טובה גדולה, והרבה דברים נחשבים בראשיתם טוב ויהיה בסופם רע מאוד, ולכן אין ראוי לנבון להצטער בבוא צרה גדולה וגזירה הרת סכנה, לפי שאינו יודע התכלית. וגם אל יתפתה וישמח שמחה רבה כשתגיעהו טובה לפי מחשבתו, לפי שאינו יודע התכלית.**

ס'איז דאָ וואָס לערנען אָפּ אַז דאָס איז אַ מחלוקת הראשונים, וויבאַלד דער רמב"ם רעדט בלויז פון די טובה וואָס קומט שפּעטער אַרויס פון יסורים און ער דערמאַנט נישט דעם ענין פון עוונות. אָבער לויט די אויבנדערמאַנטע נקודות קומט אויס אַז דער רבינו יונה און דער רמב"ם זאָגן לגמרי נישט קיין פאַרקערטע זאַכן, זיי זאָגן בלויז צוויי דרכים וואָס מען דאַרף טון אין אַ מצב פון "יסורים באין עליו', ומר אמר חדא ומר אמר חדא ולא פליגי.

אַלעמאָל ווען אַ מענטש גייט אַריבער אַ שוועריגקייט דאַרף ער דאַנקן און לויבן השי"ת, מיט אן אמונה אַז דאָס איז גוט! **אַמאָל איז דאָס מיט'ן מהלך פון רבינו יונה; 'יפשפש במעשיו'** - געדענקן אַז אַלעס איז כפרת עוונות. און אַמאָל איז דאָס מיט'ן מהלך הרמב"ם; צו פאַרשטיין אַז **די יסורים אליינס האָבן אַ געוואַלדיגן תכלית**, הגם ס'קוקט אויס שלעכט, ווייל צום סוף וועט ער זען אַז די אַלע יסורים האָבן אים געברענגט צו ערגרענצן זיין 'חלק התורה' מיט אַ שלימות פאר זיין נשמה!

# הכרת הטוב

**טוב ה' לכל;**
'הכרת הטוב' ווייל אלעס ברענגט אונז צום גוטס

יום שלישי פרשת וארא, כ"ד טבת תשפ"ג

א

# קרבת אלקים לי טוב; 'הכרת הטוב' אויף דעם וואָס יענער האָט מיך נאָנטער געברענגט צו השי"ת

## פאַרוואָס איז הכרת הטוב אַזוי וויכטיג

לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס דאַרף דער מענטש בכלל דאַנקן פאר איינעם וואָס האָט אים געטון אַ טובה? פאַרוואָס איז נישט גענוג צו לויבן השי"ת דערפאַר?! פאַרוואָס קען מען נישט זאָגן ביי די ברכה פון 'מודים' אין שמונה עשרה: "איך דאַנק דיך השי"ת פאר די טובה וואָס דו האסט מיר געשיקט דורך יענעם און יענעם" און פאַרטיג?!

דאָס איז אָבער נישט גענוג. דער מענטש איז יאָ מחיוב צו מכיר טובה זיין פאַר יעדן וואָס האָט אים אַמאָל געטון אַ טובה, אפילו פאר אַ דומם, ווי חכמינו ז"ל זאָגן אונז אַז משה רבינו האָט נישט געקענט שלאָגן דאָס וואַסער, ווייל ער האָט באַקומען אַ טובה פון איר.

די סיבה דערצו האָבן מיר געלערנט אין די פריערדיגע שיעורים איז וויבאַלד **יענער מענטש, אָדער יענע זאַך, איז געווען דער שליח אים צו ווייזן אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט וואָס האָט דיך געגעבן גוטס.** מיר דאַרפן געדענקן די טובות וואָס מיר האָבן באַקומען פון אַנדערע מענטשן, ווייל דורכדעם זענען זיי געווען די שליחים אונז צו ברענגען די ריכטיגע דעת, און אונז צו מדבק זיין צו השי"ת!

## יעדער מענטש האָט דיך געברענגט נענטער צו השי"ת

לויט דעם, דאַרף אַ מענטש פאַרשטיין, אַז ווען יענער האָט אים געטון אן 'עולה' האָט יענער אים אויך געברענגט נענטער צום באַשעפער. ער האָט אים געברענגט די שפע פון זיין דבוק צו השי"ת דורך די שלעכטס וואָס ער האָט אים געטון, וואָס דאָס האָט

מחבר געווען דעם מענטש צום באַשעפער אויף אַ שטאַרקערן אופן!

אַלס אַ ביישפּיל: אַ אינגערמאַן איז ברוגז אויף זיין משגיח פון ישיבה וואָס האָט זיך נישט אויפגעפירט צו אים ריכטיג א.ד.ג. למעשה האָט דיך יענער געברענגט נענטער צום באַשעפער. סיי ווייל פון אים האָסטו געזען וויאַזוי זיך 'נישט' אויפצופירן... און **בעיקר ווייל ער איז געווען דער סיבה אַז נאָכדעם ביזטו געגאַנגען זוכן השי"ת און דו האסט אים געטראָפן.**

יעדעס מאָל וואָס אַ מענטש איז מכיר טובה פאַר אַן אַנדערן בשר ודם, צוליב סיי וועלכע ענין, ליגט אונטער דעם אַ דאַנק אַז יענער האָט מיך געברענגט צו מכיר זיין דעם באַשעפער. יענער איז געווען דער שליח מיך צו ברענגען אַ זאַך וואָס דער באַשעפער האָט מיך געוואָלט געבן.

דאָס פּאַסירט סיי ווען יענער מענטש האָט מיך געטון אַ טובה און סיי **פאַרקערט: איך האָב למעשה באַקומען מיין לימוד, אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט!**

אַמאָל באַקומט מען די לעקציע אויף אַ גרינגע וועג, דורך אַ טובה, און אַמאָל לערנט מען זיך דאָס דורך אַ שווערע וועג, **ווען אַ מענטש גייט דורך אַ שווערע מצב און דער מצב ברענגט אים נענטער צום רבוש"ע.** קומט אויס אַז מיר זענען אייביג מחויב צו מכיר טובה זיין פאַר דעם אַנדערן מענטש וואָס האָט אונז געברענגט צו דעם מצב.

## ב

# חסד ומשפט אשירה; יעדע זאַך אויף דער וועלט טראָגט אונז צום אמת'ן גוטס

### אַלעס אויף דער וועלט איז צוליב בחירה אָדער צוליב נסיון

ס'איז דאָ אַ הייליג וואָרט פון פריערדיגע צדיקים וואָס האָבן געזאָגט אַזוי: **"אַלעס וואָס הקב"ה האָט באַשאַפן אין זיין וועלט, איז אָדער צוליב די בחירה אָדער צוליב דעם נסיון".**

ווען אַ מענטש געוואוינט זיך איין צו לעבן אויף אַזאַ סאָרט אופן, הייבט ער באמת אַן שפּירן אַזוי! ווי דוד המלך ע"ה זאָגט אין תהלים: **"חסד ומשפט אשירה לך ה' אזמרה"** - איך לויב און דאַנק דעם אויבערשטן סיי ווען ער פירט זיך מיט 'מדת הרחמים' און סיי ווען ער פירט זיך מיט 'מדת הדין'! **שטענדיג קענען מיר טרעפן דעם באַשעפער, אין אַלע אופנים.**

פונקט ווי כלפּי השי"ת פאַרשטייט דער מענטש אַז ער דאַרף דאַנקן פאַר דער 'רעה' פונקט ווי ער דאַנקט פאַר דער 'טובה', ווייל ביידע זענען מהללים וויאַזוי דער באַשעפער מאַכט אַז מיר זאָלן ווערן נאָנטער צו אים, אַמאָל אָפּענערהייט און אַמאָל באַהאַלטענערהייט, **- גענוי אַזוי דאַרפן מיר פאַרשטיין אַז ביי מענטשן איז די זעלבע זאַך!** ווייל קיין שום מענטש קען אונז נישט טון גאָרנישט, נאר אויב ס'איז אַזוי אָנגעשריבן פון הימל. **קומט דאך אויס אַז ווען יענער האָט אונז באַ'עולה'ט איז ער בסך הכל געווען אַ שליח פון הימל אונז צו ברענגען נאָנטער צום באַשעפער!**

### דער בעה"ב וואָס האָט נישט געוואָלט געבן קיין העכערונג האָט דיך געטון אַ טובה...

לאָמיר דערמאַנען אַ ביישפּיל פון אַן אַרבעטער וואָס דער בעה"ב וויל אים נישט העכערן דאָס געהאַלט. דער אַרבעטער איז זייער אָנגעווייטאָגט. ער קוקט זיך צו ווי אַלע פרייזן שטייגן, אַ דאַזן אייער קאָסט דאָפּלט, אַלעס גייט אַרויף, און נאר זיין געהאַלט בלייבט פונקט ווי אַמאָל. טראַכט ער צו זיך: "פיין, דער מענטש האָט מיך טאַקע געגעבן פרנסה די לעצטע צען יאָר, אָבער יעצט פירט ער זיך נישט מענטשליך..."

אויב וואָלט ער געקוקט ריכטיג, מיט אַ בליק פון אמונה, דאַן וואָלט ער פאַרשטאַנען אַז **דער בעה"ב האָט למעשה גורם געווען אַז ער זאָל ווערן אַ גרעסערער "בעל בטחון"**, און אַז ער וועט זיין אַ "בעל בטחון" וועט ער שפּעטער האָבן אַ בעסערע פרנסה. **קומט דאך אויס אַז דערמיט וואָס דער בעה"ב האָט אים נישט געהעכערט דאָס געהאַלט האָט ער אים געגעבן אַסאַך מער געלט, ווי ווען ער וואָלט אים צוגעוואָרפן די ביסל איבריגע דאָלער!**

מען קען דאָס אַמאָל זען בחוש, ווי דער מענטש איז מודה אַז דאָס איז געווען די גרעסטע טובה פאַר אים, און די פלא איז אַז אפילו נאָכדעם וועט ער ווייטער זיין ברוגז אויף זיין געוועזענעם בעה"ב... דאָס איז ממש פון די וואונדער פון דעם יצר הרע!

דער מענטש דערציילט פאַר זיינע חברים: **"איך דאַנק דעם באַשעפער אַז יענער האָט מיך נישט געגעבן דעם העכערונג, אויב וואָלט ער מיך געגעבן זיין קאַרגע 'רעיס' וואָלט איך געטאַנצן דערמיט... ברוך ה' אַז ער האָט נישט מסכים געווען און לכבוד דעם בין איך אַרויס פון דאָרט און כ'פאַרדין היינט דריי מאָל אַזויפיל..."** און תוך כדי דיבור פירט ער אויס: "אָבער יענער איז אַ משוגענער"...

ער איז נישט מחבר די צווייטע חלק צו די מעשה, און אַזוי פאַרבלייבט ער מיט אַ שווער הארץ אויף יענעם. טראָצדעם וואָס ער אליינס איז מודה אַז מען זעט אָפּן וויאַזוי יענער איז געווען אַ שליח פון הימל דיך צו העלפן!

## ג

# זכו שכינה שרויה ביניהם: 'הכרת הטוב' איז דער שליסל צו אַ רואיגע לעבן אין אַלע מצבים

### 'שלום בית' מיט 'עבודת ה'" זענען נישט קיין באַזונדערע זאַכן

ס'איז היינט געוואָרן אַ וועלט אַז מען האָט אָפּגעטיילט די נושאים: חינוך איז חינוך, שלום בית איז שלום בית, און עבודת ה' איז עבודת ה'... **ס'איז דאָ זאַכן וואָס באַלאַנגען פאַר מומחים, און אַנדערע זאַכן באַלאַנגען פאַר חסיד'ישע ספרים...**

אָבער אַז מ'קוקט צוריק אַביסל זעט מען אַז צוויי זאַכן ווערן כמעט נישט דערמאַנט אין פריערדיגע ספרים, דאָס זענען די צוויי טעמעס פון 'חינוך' און 'שלום בית'... פאַרוואָס טאַקע ? **ווייל ווען דער מענטש איז אַן ערליכער איד ווייסט ער וויאַזוי צו 'מחנך זיין' און ער ווייסט וויאַזוי צו האָבן 'שלום בית'.**

### 'הכרת הטוב' ווען עס קומט צו 'שלום בית'

היינט איז דאָ אַזעלכע וואָס האָבן געבויעט אַ נייע סאָרט מושג. מען ערקלערט אַז דער מענטש קען בלייבן אינעווייניג מיט די זעלבע אַלטע מדות, מען דאַרף נישט אַרבעטן אויף זיך, **אָבער מ'קען פשוט מאַכן אַלע סאָרט 'טריקס' און מהלכים, אַז די שלום בית און די חינוך זאל קלאַפּן...**

אָבער באמת, **צו אַן אויסגעאַרבעטער איד דאַרף מען נישט אַזויפיל רעדן וויאַזוי זיך צו אויפפירן ריכטיג אין שטוב!** אודאי קען מען אים אַמאָל געבן אַן עצה טובה, אָבער עס קומט שוין אויטאָמאַטיש. נאַטירליך וויל ער זיין אַ "נותן", ער וויל ווייזן אַ פריינטליכע פנים אין שטוב, א.א.וו. **אַ ירא שמים האָט עס אין זיין טבע צו מכיר טובה זיין אין שטוב.**

דער געוועינליכער מענטש טראַכט אַז "הכרת הטוב" איז נאָר שייך פאַר ווער ס'האט אים געטון אַ טובה מיט צוואָנציג יאָר צוריק, אָבער זאָגן אַ דאַנק אין שטוב פאַר דעם נאַכטמאָל?! **דאָס איז שוין אַן ענין פון 'שלום בית', נישט פון 'הכרת הטוב'... מיש נישט אויס די זאַכן...** און אַז מ'רעדט פון 'שלום בית' האָט ער דאָך גאַנצע ליסטע פון אָפּענע חשבונות. ער דאַרף שוין איבערקלערן יעדעס מאָל באַזונדער צי יעצט דאַרף ער זיך באַנוצן מיט "ימין מקרבת" אָדער "שמאל דוחה"...

אָבער דער "תומר דבורה" לערנט אונז אַז דאָס איז פשוט נישט ריכטיג! זי האָט דיך געטון אַ טובה? אַלעס אַנדערש איז נישט נוגע יעצט! געדענק און זיי מכיר בלויז די טובה וואָס יענער האָט דיך געטון!

### 'שלום בית' מיט 'רוחניות' גייען אינאיינעם

מענין לענין באותו ענין:

מענטשן פרעגן אָפט: וואָס איז דער גבול ווען עס

קומט צו 'שלום בית'? למשל: **איך וויל גיין פרייטאָג צונאַכטס אין בית המדרש זינגען אינאיינעם וואַרימע זמירות ביז צוויי אַזייגער ביינאַכט און שפּירן אַ געשמאַקע טעם אינעם שבת, אָבער פון דער צווייטער זייט איז דאָס זייער שווער פאַר דער שטוב.** - שטעלט זיך די פראַגע: "ווען דאַרף איך מוותר זיין פאַר רוחניות און ווען נישט?"

דאָס זעלבע האָבן מענטשן אַסאַך ענליכע שאלות לגבי אַלע סאָרט רוחניות'דיגע הנהגות. זיי ווייסן נישט ווען איז ריכטיג דאָס יאָ אָדער נישט צוטון.

אַן אַריינגיין אין דעם גאַנצן שמועס, איז דאָ אין דעם ענין אַ נקודה וואָס ס'איז כדאי צו דערמאַנען.

מענטשן קוקן דערויף אַזוי: **פון איין זייט איז דאָ אַ פּראָבלעם וואָס הייסט 'שלום בית', פון דער אַנדערער זייט איז דאָ אַזאַ זאַך וואָס ווערט אָנגערופן 'רוחניות'...** איז די שאלה, וויאַזוי מאַכט מען אַ ריכטיגע פּשרה אַז אַביסל זאָל מען מוותר זיין פון דער 'רוחניות' אויפ'ן חשבון פון די 'שלום בית', און פון דעם 'שלום בית' אויפ'ן חשבון פון די 'רוחניות'... אַמאָל באַקומט דעם רבי'נס טיש און אַמאָל באַקומט די שטוב...

ווען דער מענטש זעט דאָס מיט אַזאַ בליק, איז דאָס אַ סימן אַז ער איז נאָכנישט קלאָר אין די סוגיא פון "הכרת הטוב". **ווייל דער אמת איז אַז ביידע זענען די זעלבע עבודת ה'! ביידע זענען די זעלבע רוחניות!** אַ מענטש וואָס פאַרשטייט נישט די מושג פון "הכרת הטוב" קען נישט שטייגן אין עבודת ה'! עס קען נישט אַרבעטן אַזאַ זאַך!

אין אַנדערע ווערטער האָט אים דער באַשעפער אויך צוגעשיקט אַ רבי אינדערהיים... דער רבי אינדערהיים לערנט אים אויס די מדה פון "הכרת הטוב", און דער רבי ביים טיש לערנט אים אַנדערע זאַכן. אויב אַזוי דאַרף די ריכטיגע שאלה זיין: "וואָס גייען מיר לערנען דעם פרייטאָג צונאַכטס, משניות אָדער חומש?"....

אויב אַ מענטש זאָגט:"זאָל זיין וואָס זאָל זיין, איך קען נישט פאַרפאַסן גאָרנישט, נישט קיין שבת און נישט קיין יום טוב, נישט קיין טיש און נישט קיין נסיעה", איז פּשט אַז ער דאַרף נאָך אַסאַך אַרבעטן אויף דעם ענין "הכרת הטוב". **און ער זאָל וויסן אַז ווען ער וועט באמת האָבן דעם געפיל פון "הכרת הטוב" אין זיין האַרץ, וועט ער דערפון באַקומען אַ תועלת אין עבודת ה' אַסאַך מער וויפיל ער באַקומט פון אַנדערע זאַכן!**

דער מענטש קוקט אָן די גאַנצע סוגיא פון שלום בית ווי אַ צעמישעניש פון 'טובות' און 'עולות'... ער זאָגט זיך אַזוי: "וואָס זאָל איך טון ס'איז באַשערט, דער באַשעפער האָט מיר געגעבן דעם שידוך... איין מעלה האָט עס טאַקע אָבער צען אַנדערע זאַכן איז עס נישט אַזוי גוט... נאָך אַביסל וועלן מיר זען וויאַזוי זיך מסדר צו זיין מיט דעם".

דאָס איז אָבער נישט דער אמת: **דאָ האָט דיך השי"ת געשיקט אַ שליח, וואָס דורכדעם וועסטו באַקומען אַלע ידיעות וואָס דו האסט געדאַרפט וויסן; וויאַזוי צו טראַכטן, וואָס צו זאָגן און וויאַזוי זיך צו אויפפירן.**

אויב אַ מענטש וועט דאָס גוט פאַרשטיין וועט ער באמת מכיר טובה זיין! ער וועט צוקומען צו דער הכרה אַז דער באַשעפער האָט אים דאָ געגעבן זיין בעסטע טובה! ווייל נאָך אַלעם, פאַרוואָס בין איך דאָ געקומען אויף דער וועלט? איך בין געקומען דאָ צו אָנקומען צו השי"ת! און דער מציאות איז דאך אַז דער מענטש איז געווען דער שליח דערצו, אָן אים וואָלט איך קיינמאָל נישט אָנגעקומען!

אליבא דאמת איז ער געוואָרן הונגעריג פאַר תורה, דוקא ווייבאַלד ער האָט זיך געפינען אין אַזעלכע פּלעצער וואו ער האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן.

## פאַרשטיין ביי 'חינוך' אַז יעדער האָט מיך געברענגט גוטס

אויך ביי דעם ענין פון חינוך איז עס אַזוי. אַמאָל שפּירט דער מענטש אַז יאָרן לאַנג האָבן די מחנכים נישט געוואוסט וויאַזוי אים צו נאָרמאַל מחנך זיין, ביז ער האָט געטראָפן אַ ליכטיגקייט. ער איז אַריבער צו אַן אַנדערע ישיבה און דאָרט האָט ער אָנגעהויבן לעבן ווי אַ איד.

אָבער ער פאַרשטייט נישט אַז אליבא דאמת איז ער געוואָרן הונגעריג פאר תורה, **דוקא ווייבאַלד ער האָט זיך געפינען אין אַזעלכע פּלעצער וואו ער האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן.**

דער רבוש"ע האָט עס דירעקט אַזוי אויסגעשטעלט! אַלעס איז געמאַכט געוואָרן מיט אַ פּונקטליכע חשבון דורך דעם 'עילת העילות וסיבת הסיבות'! **דאָ איז געווען אַ גענויע סדר אַז קודם זאָל ער זיך וואַלגערן דאָרט, און דערנאָך זאָל ער גיין צו אַ צווייטע פּלאַץ, ביז ער איז אָנגעקומען וואו ער איז אָנגעקומען, און יעדער איינער האָט אַ חלק אין די הצלחה!** ער דאַרף מכיר טובה זיין פאַר אַלעמען!

## בורא נפשות רבות וחסרונן

ס'איז באַקאַנט דער פּשט פון הייליגן **חתם סופר** זי"ע, אויף דעם נוסח פון דער ברכה "**בורא נפשות רבות וחסרונן**", אַז הקב"ה האָט באַשאַפן מענטשן מיט זייערע חסרונות, "**להחיות בהם נפש כל חי**", אונז צו אויפלעבן. ווייל דוקא די חסרונות ברענגט אַז דער מענטש זאָל זיין אינגאַנצן אָנגעוויזן אויפ'ן באַשעפער און באַקומען פון אים זיין חיות!

דאָס איז פּונקט אַזוי אַקטועל אויף אַלע מענטשן וואָס נעמען אונז אַרום אַ גאַנץ לעבן. **זיי אַלע האָבן אַ שליחות, אונז צו העלפן אָנקומען צו פרישע מדריגות, צו ווערן נאָענטער מיט'ן באַשעפער!**

דאס מיינט אויך אַ געוועזענעם מחותן, טראָץ די גאַנצע צער וואָס איז דאָ; דאָס זעלבע מיט אַ שותף אין ביזנעס, נישט יעצט גערעדט... מ'דאַרף אַמאָל געבן אַ קרעכטס ווען מען זאָגט דאס וואָרט... אָבער אויב וועט ער זיך מתבונן זיין וועט ער זען אַז די דורכגעפאַלענע שותפות האָט אים אַסאַך געלערנט. **עס האָט אים געברענגט די ליכטיגקייט פון הקב"ה.**

ווען דער מענטש געדענקט אַז אַלעס וואָס איז געשען צו אים, איז אים אָנגעקומען דורך די שליחים וואָס הקב"ה האָט אים געשיקט, דאָס רעכנט אַריין אויך די מלמדים אין חדר..., **העלפט אים דאָס צו האָבן "הכרת הטובה" פאר די אַלע מענטשן וואָס האָבן אים אַרויפגעברענגט אַ מדריגה!**

די טובה וואָס זיי האָבן דיך געטון איז נישט ווייניגער ווי די טובה פון אַנדערע וואָס האָבן דיך געגעבן געלט, און מעגליך איז דאָס אפילו אַ גרעסערע טובה. ווייל דאָס ברענגט דעם מענטש אויך צו אַ ריכטיגע 'ענוה'. דאָס איז זייער געזונט פאַר אים, עס פאַרוואַנדלט זיין לעבן זאָל זיין רואיגער און גליקליכער!

## אויב יענער האָט מיך דערמאַנט פון באַשעפער קומט אים אַ דאַנק!

לאָמיר ענדיגן מיט אַ וואָרט פון ספר הק' **בית אהרן** (שבת הגדול, ע"ו,א) וואָס שרייבט אזוי: אַמאָל איז איינער געגאַנגען אין גאַס און ער האָט באַגעגנט אַ ראי' אסורה פון אן אשה. דער מענטש האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ אַז מדארף אַכט געבן אויף די אויגן און ער האָט אַוועקגעקוקט, האָט געזאָגט אַ חכם וואָס איז געשטאַנען דאָרט, אַז די אשה איז זיכער אַ 'צדיקת', ווייל דורך איר האָט דער מענטש זיך דערמאַנט פון דעם באַשעפער.

בפשטות זאָגט דאָס דער 'בית אהרן' לגבי שווערינקייטן און נסיונות וואָס אַ מענטש האָט, אַז דאָס קען אַסאַך מאָל ברענגען אַז אַ איד זאל דורכדעם ווערן נתעלה און גיין העכער.

אודאי איז נישט אַלעמאָל די ראי' אסורה אַ 'צדיקת', אָבער דער 'בית אהרן' לערנט אונז אַ רעיון נפלא, אַז **אפילו ווען עס קומט אונטער אַ נסיון, קען מען קוקן דערויף ווי אויף אַ גרויסע טובה!**

מיר קענען זיך דערפון לערנען אויך לגבי יעדע אַנדערע נסיון אויף דער וועלט. ווען אַ מענטש זעט אַז איינער האָט אים גוט צוגעפּיקסט און מסדר געווען, קען ער זאָגן די זעלבע זאַך: דער מענטש איז זיכער אַ צדיק, ווייל דורך אים האָב איך זיך דערמאַנט פון באַשעפער... **דורך אים האָב איך געלערנט אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט!** אָן אים וואָלט איך געבלאָנדזשעט, אפשר וואָלט איך טאַקע געטון אַסאַך סגולות, אפשר וואָלט איך געזיצן אין ביהמ"ד און געלערנט אַסאַך שעות, אָבער צו טרעפן דעם באַשעפער באמת, וואָלט איך נישט געטראָפן. ער האָט מיך אויסגעלערנט אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט, ווייל צוליב אים האָב איך זיך געדאַרפט מחזק זיין צען מאָל אַ טאָג!

דאָס איז דאך אַזאַ וויכטיגע יסוד וואָס העלפט דעם מענטש מכיר טובה זיין פאַר אַלע זיינע אַרומיגע. ווען אַ איד שטעלט זיך אויף ביי די שמחת בר מצוה פון זיין זון און הייבט אָן די דרשה "איך וויל זיך באַדאַנקן פאַר מיין שווער, און פאר דעם און יענעם, וואָס האָבן מיך אַרויסגעהאָלפן אַלע יאָרן"... איז דא געוועגליך איין ליסטע פון מענטשן וואָס ער איז זיי מכיר טובה. נאָכדעם האָט ער אַ ליסטע פון מענטשן וואָס ער איז זיי נישט מכיר טובה, שיין גערעדט, ער וואָלט זיי נישט געוואָלט זען ביי זיין שמחה...

אָבער אויב דער מענטש וועט אַרבעטן צו איינפלאַנצן אין זיין האַרץ הכרת הטוב פאר אַלע שלוחים וואָס מען האָט אים געשיקט פון הימל דורכאויס זיין לעבן, **וועט ער קענען מכיר טובה זיין פאַר אַלע אורחים וואָס זענען זיך משתתף אין זיין שמחה!** ער וועט פאַרשטיין אַז ס'איז נישט קיין שום חילוק אויב זיי האָבן אים געטון אַ טובה אויף דעם אופן אָדער אויף אַן אַנדערן אופן, און ער וועט זיך קענען פרייען מיט אַלעמען צוגלייך!